# פרשת נח כ"ח תשרי - ד' חשון תש"פ לפ"ק

***יום שלישי פרשת נח***

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לביתו נאוה, אחר ששהה כמה ימים בפאלם ספרינגס למנוחה.

*

***יום רביעי פרשת נח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך (הל' שבת דיני מוקצה סימן ש"ח). אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה (הל' ברכת המזון סימן קפ"ד).

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הרב **אשר יואל פאללאק** שליט"א, עב"ג בת הרב **שמואל מאיר יאראסלאוויטש** שליט"א, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף רבינו שליט"א אצל החתונה של בת ש"ב **הרה"ג רבי אהרן כ"ץ שליט"א** אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג (חתן כ"ק האדמו"ר מפאפא שליט"א), עב"ג בן **האדמו"ר מזלאטשוב שליט"א**, שהתקיים בבית המדרש פאפא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה הגאוה"צ שליט"א.

*

***יום חמישי פרשת נח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ובאור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **הרה"ג רבי אלעזר טייטלבוים שליט"א** ראה"כ בכולל תו"י דסאטמאר (חתן כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א) להזמין את **רבינו שליט"א** להחתונה של בנו בשעטומ"צ.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הרב **צבי אלימלך דייטש** שליט"א, שהתקיים באולם בית רחל.

***יום שישי פרשת נח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הרב **צבי אלימלך דייטש** שליט"א. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר התפלה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **אהרן לאווינגער** הי"ו (נכד הר"ר אהרן הערש עלבאגען הי"ו).

*

***שבת קודש פרשת נח***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**.

בסעודה שלישית נתכבד **הרה"ג רבי פרץ טובי' דייטש שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד חוג חתם סופר פ"ת שליט"א) בברכת המזון.

במוצאי שבת הגיע **רבינו שליט"א** להשתתף אצל סיום מסכת יומא שנלמדה במסגרת חבורת **'ובהם נהגה'**, שהתקיים בבית מדרשנו בוומסב"ג. הרב **משה יואל גערטנער** שליט"א פתח את המעמד. אחר כך השמיע **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א** מדברותיו בנעימים.

בעת המעמד חילק **רבינו שליט"א** מכתבי תעודה לבני החבורה שהשתתפו בלקיחת הבחינות מידי חודש בחדשו מאז החלו ללמוד מסכת ברכות במסגרת החבורה. **רבינו שליט"א** סיים את המסכתא ואמר ההדרן. אחר ריקודין של שמחה לכבודה של תורה השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. בהתחלת מסכת סוכה נתכבד הרב **אליעזר פליישמאן** שליט"א מגי"ש בחבורות ובהם נהגה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א שמחה אטיילצונעמען ביי די סעודה וואס מען האט מסיים געווען מסכת יומא. מען האט ארויסגעשטעלט אז עס וועט זיין א ילד

פלא וואס ווערט זינגען, איך מיין אז עס איז דא עפעס גרעסערס פון דעם, בעלי בתים פלא! די אלע בעלי בתים דא, זענען א פלא! מען רעדט פון א גרויס חלק וואס פלאגן זיך א גאנצע וואך אויף פרנסה, און פון דעסטוועגן דאך איז מען קובע עתים לתורה, ווען מען האט א פרייע צייט, קומט מען לערנען. א גרויס חלק נעמען בחינות, מען חזר'ט איבער וואס מען האט געלערנט, מען ליגט אין תורה. און דאס איז אסאך א גרעסערער פלא, ווי איינער וואס קען זינגען. גמרא גמור זמורתא תהא (שבת קיג.), און מען דארף ארויסברענגען די חשיבות דערפון.

**עס** איז נישט נאר די תורה וואס מען לערנט, נאר די גאנצע התנהגות פון דעם יונגערמאן, **די גאנצע שטוב, איז אן אנדערע סארט שטוב זייט מען האט זיך גענומען צו לערנען. תורה איידלט אויס דעם מענטש, סיי אויפן פריוואטן הנהגה, און כל שכן ווען מען רעדט פון די נסיונות וואס מען האט היינט אינדרויסן. אז מען ליגט אין תורה, ליגט מען אין קדושה. בראתי יצר הרע, בראתי לו תורה תבלין** (קידושין ל:). **די שטוב ווערט אינגאנצן געטוישט. די קינדער מיט די בני בית קוקען ארויף אויפן טאטען, און אויפן מאן, אז מען זיצט און מען לערנט.** עס לאזט זיך גארנישט זאגן די טויש וואס געשעהנט אין א יודישע שטוב ווען מען זיצט און מען לערנט.

**מען** האט מסיים געווען מסכת יומא, מען האט א גאנץ יאר מיטגעלעבט מיטן יום הקדוש, און יעצט גייט מען מיטלעבן דעם גאנצן ווינטער אי"ה, מיט די מצוה פון סוכה. עס איז דא די זיבן טעג סוכות, וואס מען זיצט אין די סוכה, און עס איז דא וואס מען זיצט אין די סוכה א גאנץ יאר שפעטער. אז מען איז עוסק אין מסכת סוכה, איז כאילו מען איז מקיים די מצוה פון מצות סוכה, און מען זיצט אין די סוכה.

**מען** ברענגט צו, אז עס איז אמאל געווען יודען, וואס מען האט זיי גערופן אנשי סוכות. ווייל נאך סוכות האבן זיי נישט געוואלט ארויסגיין פון די סוכה, און זיי זענען געבליבן דארט זיצן, זיי האבן זיך נישט געקענט געזעגענען פון די סוכה. און עס איז געווארן גרויסע קעלטן, און א ענן האט זיי אוועקגענומען אויף א ווארעם פלאץ (מובא **בשער יששכר** (מאמר סכת שלם אות ט"ז) בשם הרה"ק **רבי צבי הירש מרימנוב זי"ע**). עס זענען דא די וואס קענען זיך נישט שיידן פון די סוכה, מען קען זיצן נישט נאר אין די פיר ווענט פון די סוכה, נאר ווען מען זיצט אין מסכת סוכה, זיצט מען אויך אין די סוכה.

*

**איך** האב געטראכט, מען רופט אן די סוכה אז מען זיצט בצילא דמהימנותא, עס איז די צל פונעם אייבערשטען. פארוואס רופט מען אן די סוכה אז עס די 'צל' פונעם אייבערשטן, די גאנצע סוכה איז דאך די דירה פונעם אייבערשטן. פארוואס זיצן מיר נאר אינעם צל פונעם אייבערשטען, אונז זיץ מיר דאך צוזאמען מיטן אייבערשטען. ווען א מענטש נעמט אריין יענעם צו זיך אין די דירה, זאגט מען נישט איך זיץ אונטער יענעם'ס צל, נאר איך זיץ אין יענעמס שטוב. סוכה דאס איז דעם אייבערשטן'ס דירה, פארוואס רופט מען אן די סוכה, אז מען זיצט דארטן אונטערן 'צל' פונעם אייבערשטען?

**דער** פשט קען זיין, די גמרא (סוכה ה.) זאגט דאך, אז א סוכה דארף זיין הויך צען טפחים, וויניגער פון צען טפחים איז נישט קיין סוכה. די גמרא לערנט עס ארויס פון כפורת, אז דער כפורת מיטן ארון זענען געווען הויך צען טפחים, און מעולם לא ירדה שכינה למטה מעשרה טפחים, די שכינה איז קיינמאל נישט אראפגעקומען נידריגער פון צען טפחים. ממילא איז דער ארון מיטן כפורת געווען צען טפחים, און דארט איז געווען השראת השכינה.

**איך** האב געזעהן שטיין פון **רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל**, האט ער געזאגט, אז ווען דעם איז א סוכה וואס איז נידריגער פון צען טפחים פסול, ווייל א סוכה דארף דאך זיין די דירה פונעם אייבערשטן, און אונטער צען טפחים קומט דאך נישט אראפ די שכינה, קען דאך נישט זיין אז א סוכה זאל זיין וויניגער ווי צען טפחים. על כל פנים דער קלענסטער שיעור פון סוכה איז צען טפחים, און דער סכך איז נישט אריינגערעכענט אין די צען טפחים, די סכך איז העכער דעם.

**קומט** אויס, אז נישט אין יעדע סוכה קען זיין השראת השכינה, ווייל די שכינה קומט דאך נישט אראפ נאר ביז צען טפחים, אונטער צען קומט עס נישט. קומט אויס, אז ווען מען האט א סוכה פון צען טפחים, איז די שכינה נישט אין די סוכה, נאר די

שכינה איז נאר אינעם סכך, ווייל דאס איז העכער פון צען. קומט אויס אז נישט אייביג זיצט מען אין די סוכה צוזאמען מיטן אייבערשטען. אבער צילא דמהימנותא, אונטערן צל פונעם אייבערשטען, איז דא ביי יעדע סוכה, ווייל דער צל איז דאך העכער פון צען טפחים וואס דארט איז דא די השראת השכינה.

*

**איך** האב געטראכט צו געבן חיזוק פאר די וואס זיצן און לערנען. מען זעהט די וואך אין די פרשה, אז דער אייבערשטער האט געשריבן אויף נח, צדיק תמים. נח איש צדיק תמים היה בדורותיו (ו-ט). ווען דער אייבערשטער האט גערעדט צו אים, האט ער אים נאר געזאגט, כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה (ז-א), און ער האט אים נישט גערופן צדיק 'תמים'. רש"י ברענגט צו די גמרא (עירובין יח:) אז מקצת שבחו של אדם בפניו, ווען מען רעדט צו א מענטש בפניו, זאגט מען אים נאר א חלק פון זיין שבח. וכולו שלא בפניו, ווען מען רעדט שלא בפניו, דעמאלטס קען מען אים רומען מיט זיין גאנצן שבח. אבער ווען מען רעדט צווישן זיך, זאגט מען נישט פאר א מענטש מער ווי מקצת שבחו. פארוואס זאגט מען נישט דעם גאנצן שבח פאר יענעם? ווייל עס פאסט נישט. יענער וועט צוקומען צו גאות, ווען מען רעכענט אים אויס דעם גאנצן שבח וואס ער האט, וועגן דעם זאגט מען נישט כולו בפניו. אויב אזוי, פארוואס מקצת שבחו זאגט מען יא, אביסל גאות איז מותר?! לא מינה ולא מקצתה (סוטה ה.). אז מען זאגט נישט פאר יענעם זיין גאנצן שבח בפניו, פארוואס מקצת שבחו זאגט מען יא?

**עס** ליגט דערין א געוויסער לימוד. עס לערנט אונז, אז **מען דארף אמאל געבן פאר א מענטש א קאמפלימענ"ט!** עס איז א חלק פונעם לימוד, אזוי ווי מען זאגט נישט כולו בפניו, איז דא א ענין צו זאגן מקצת שבחו של אדם בפניו. עלטערן זאגען מוסר פאר די קינדער, מען זאגט מוסר פאר בעלי בתים, און אז זיי באקומען נאר דעם קאמפלע"ן, און דעם קאמפלימענ"ט דערויף באקומט מען נישט, פארלירט מען דעם חיזוק. ווען מען הערט נאר אייביג קריטיק, אז מען איז נישט יוצא ידי חובתו, און מען האט נישט גענוג געטון, און מען דארף מער לערנען, און מען דארף זיך שענער אויפפירן, קומט מען נישט אן אין ערגעץ. **א קינד וואס מען וויל אים מחנך זיין, דארף מען אים קריטיקירן אויב ער פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, אבער אויף יעדע דבר טוב וואס ער טוט, דארף מען אים באגיסן מיט קאמפלימענטן, דאס גיט אים דעם חיזוק אז ער זאל קענען גיין ווייטער.** - מקצת שבחו של אדם בפניו איז פונקט אזא לימוד ווי דער כולו שלא בפניו. אזוי ווי מען זאגט נישט כולו בפניו, איז דא דער ענין אז מקצת שבחו זאל מען יא זאגן בפניו.

**דער הייליגער קאמארנער זי"ע** שרייבט אין **נוצר חסד** (אבות פרק ו') ער שטעלט זיך אויף די משנה וואס רעכענט אויס, אז ווען מען לערנט תורה לשמה, נקרא רע ואהוב. שרייבט ער, אנשים טיפשים, ווען מען גייט צו א צדיק, רעדט מען פון די ענוות. דער מענטש זאגט אויף זיך אז ער איז גארנישט, ער וויל זיך משפיל זיין, ומתוך הדברים איז ער אויך מקטין דעם צדיק, ער ברענגט דעם צדיק, אז דער צדיק זאל אויך רעדן דברים פון ענוה אזוי ווי ער רעדט. און דער צדיק הייבט זיך אן מקטין צו זיין, אז ער איז טאקע גארנישט, אקעגן דעם גרויסן באשעפער איז ער גארנישט. זאגט ער, דאס זענען אנשים טיפשים, זיי נעמען אוועק דעם הרחבת הדעת פון דעם צדיק, אז דער צדיק קען נישט נאכדעם משפיע זיין.

**זאגט** ער, ווען מען קומט צו א צדיק, דארף מען רומען דעם צדיק בפניו, און ארויסברענגען זיינע מעלות וואס ער האט, און דורך דעם באקומט ער הרחבת הדעת, און דעמאלטס קען ער משפיע זיין. עס ווערט געברענגט אין **זוהר הק'**, אז ווען רבי שמעון בן יוחאי האט מגלה געווען א זאך פון סודות התורה, האבן אים די תלמידים שטענדיג גערימט, און זיי האבן אים געזאגט, אז אזא דבר תורה האט מען נישט געהערט פון בריאת עולם אן, און וואס וועט זיין ווען דער רבי וועט אוועקגיין פון די וועלט, עס וועט נישט זיין פון וואו אונז זאל מיר דאס ווייטער מקבל זיין. זיי האבן געוואלט אריינברענגען גאות אין רבי שמעון בן יוחאי, ווייל ער איז געווען צובראכן ביי זיך, אזוי ווי א ערליכער יוד, און כדי ער זאל קענען משפיע זיין, האבן זיי אים געדארפט דערהייבן און ברענגען הרחבת הדעת.

**לכך**, שרייבט דער הייליגער קאמארנער, ווען איך בין געווען ביי מיין רבי, **רבי הערשעלע זידיטשובער**

**זי"ע**, איז ווען ער האט מיר איבערגעזאגט א זאך פון סודות התורה, אדער ווען ער האט מיר געוויזן זיינע כתבים וואס ער האט געשריבן, בין איך צוריק געגאנגען, און איך האב אים געזאגט, אז אזעלכע ווערטער הערט מען נישט זייט אסאך יארן, און איך האב אים געררומט בפניו, און בשעת איך האב אים גערומט האט ער באקומען אן הרחבת הדעת, און פון די הרחבת הדעת ויאצל עלי, האט ער אויף מאציל געווען מרוחו, אז איך בין צוגעקומען צו מדריגות. אזוי שרייבט ער.

**די** נקודה דערפון איז, אז א מענטש דארף האבן אמאל וואס ער באקומט א גוט ווארט, און דאס גוט ווארט טוט אים דערהייבן. מקצת שבחו של אדם בפניו, איז די זעלבע חלק, ווי כולו זאגט מען נאר שלא בפניו. מען דארף וויסן, אז ווען א מענטש טוט אמאל א זאך, דארף מען אים ווייזן, אז מען טוט אים אנערקענען, מען איז אים מחשיב וואס ער טוט.

**א** מגיד שיעור וואס זיצט און לערנט תורה, רבי אליעזר (פליישמאן שליט"א) זיצט און לערנט פאר, [און איבעראל ווי מען לערנט פאר], ער לייגט אריין אסאך צייט דערויף וכדומה, עס קען אסאך מאל אדורכגיין איין חודש, און צוויי חדשים, און קיינער זאגט אים אפילו נישט קיין ווארט, אז דער שיעור איז גוט, און עס פעלט נאכדעם אין הרחבת הדעת. און אז מען הערט יא א גוט ווארט, דאס גיט אים די כח און דעם חיזוק ווייטער, אז נישט נאר אז מען פלאגט זיך נישט אומזיסט, נאר מען טוט אנערקענען די פלאג וואס מען לייגט אריין. יונגעלייט פלאגן זיך פאר '**ובהם נהגה**', ר' שלמה זלמן זאל זיין געזונט גיט אוועק אזויפיל צייט און שעות, איך ווייס נישט צו זיי באקומען אמאל א גוט ווארט אפילו, אויף דעם וואס זיי טוען.

**און** כל שכן אז מען רעדט פון די וואס פלאגן זיך אליין אויף די תורה, ווען קומט אויס אז מען זאל רומען דעם בעל הבית, מען זאל אים זאגן א גוט ווארט, אז ער פלאגט זיך?! ער קומט אריין אין בית המדרש מידערהייט, און ער לערנט, און ער חזר'ט איבער, און ער פארהערט זיך. אז מען מאכט אמאל אזא מסיבה וכדומה, קומט מען זאגן, אשריכם ומה טוב חלקיכם! יא, דארף מען זיין גליקליך, און וויסן אז אונז ברענג מיר נישט אן די צייט. אנו עמלים והם עמלים, אנו רצים והם רצים, מארגן גייט מען לויפן אי"ה (המאראטא"ן), וואו לויפן מיר, און וואו לויפן זיי. זיי לויפן לבאר שחת, און מיר זענען אין בית המדרש און מען זיצט און מען לערנט.

**נח** איז געווען ביים דור המבול, אין א געזינקענע דור, און ער האט זיך געהאלטן, ער איז געבליבן בצדקתו, ער מיט זיין שטוב. די איינציגסטע וואס זענען ניצול געווארן פונעם דור המבול. פון וואו האט נח באקומען חיזוק זיך צו קענען האלטן? ער האט געהאט א שווערע ארבעט, איין משפחה זאל זיך קענען האלטן אליין אין אזא דור. ווען דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אז ער זאל גיין מאכן א תיבה, ווייל קיינער גייט נישט ניצול ווערן נאר ער, דאס האט געגעבן אזא חיות פאר נח, אה, דער רבונו של עולם טוט אנערקענען וואס איך פלאג מיך שוין דא אזויפיל יארן. איך פיר זיך אויף ערליך, און איך גיי נישט נאך די עצת רשעים. דער אייבערשטער גייט ברענגען א חורבן פאר די וועלט, און מיך וויל ער איבערלאזן, און ער הייסט מיך מאכן א תיבה. ווען ער האט געהערט א גוט ווארט פונעם אייבערשטן, דאס האט אים געגעבן חיזוק אויף ווייטער, אז ער איז אנגעגאנגען אין זיין צדקות, און ער האט עס נישט נאכגעלאזט אלע יארן שפעטער. עס האט דאך גענומען הונדערט און צוואנציג יאר ביז ער האט אויפגעבויט די תיבה, און אין די אלע יארן איז ער נישט געפאלן פון זיין מדריגה. פון ווען ער האט געהערט פונעם אייבערשטן, אז דער באשעפער האט אים געזאגט, מאך א תיבה, און דו גייסט ניצול ווערן דערין, האט עס אים געגעבן דעם שטופ ער זאל קענען גיין ווייטער.

**די** עיקר עבודה וואס נח האט געהאט, איז געווען זיינע ערשטע פיר הונדערט און אכציג יאר, בעפאר דער אייבערשטער האט אים געהייסן מאכן די תיבה, ווען ער האט נאכנישט געהאט קיין חיזוק פון קיינעם, ער האט נאר אלץ געהערט, אז ער איז דער צוריקגעבליבענער נח, ער זיצט אין שטוב און ער לערנט, און ער ווייסט נישט פון די וועלט צו זאגן, ער ווייסט נישט וואס מען קען אלץ טון אינדרויסן אויף דער גאס, און דעמאלטס האט ער נישט געדארפט קוקן דערויף, ער האט קיינמאל נישט באקומען קיין גוט ווארט פון קיינעם, און ער האט זיך געדארפט פלאגן, עס איז געווען א גרויסע

עבודה. אבער פון ווען דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אז ער זאל מאכן א תיבה, איז שוין זיין עבודה געווען א גרינגע עבודה. דער אייבערשטער טוט אנערקענען, אז ער איז א צדיק און ער פירט זיך אויף ערליך, און ער גייט בלייבן, איז אראפגעגאנגען די עבודה וואס נח האט געהאט פון פאר דעם.

**זאגט** די תורה הק', נח איש צדיק תמים היה בדורותיו, נח איז געווען א צדיק תמים בדורותיו, דאס איז געווען די פיר הונדערט און אכציג יאר, ביז מען האט אים געהייסן מאכן די תיבה, דעמאלטס איז ער געווען א צדיק תמים. אבער פון ווען דער אייבערשטער האט אים געזאגט צו מאכן א תיבה, און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, בא אל התיבה כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה, דאס איז שוין נישט קיין עבודה. נאכדעם וואס דו האסט באקומען דעם קאמפלימענט אז דו ביסט א צדיק, יעדער גייט חרוב גיין און דו וועסט בלייבן, פון דעמאלטס אן קען מען אים שוין נישט רופן קיין צדיק תמים, נאר כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה.

**די** נקודות הדברים איז, ויגבה לבו בדרכי ה', מען דארף וויסן די חשיבות, אז מען זיצט און מען לערנט. די חשיבות פון תורה וואס דאס איז מציל דעם מענטש. נח איז ניצול געווארן אין א דור המבול, נאר ווייל ער האט געלערנט תורה. ווען נח וואלט נישט געלערנט קיין תורה, וואלט ער נישט געקענט ניצול ווערן. מיר האלטן זיך, מיר קענען ערציען ערליכע יודישע שטובער, דאס איז נאר ווייל מען איז דבוק אין תורה הק'.

**איך** האב כמה פעמים געזאגט, אז מען זעהט אין די לעצטערע יארן אז עס איז שטארק נתרבה געווארן דאס וואס מען לערנט תורה, און די חבורות וואס איז דא איבעראל. אזוי ווי דער דור ווערט געזינקען פון יאר צו יאר, און די נסיונות וואס מען האט, ווערן ערגער און ערגער, איז זה לעומת זה עשה אלקים, ווען עס וואלט נישט אריינגעקומען א רוח פון תורה, אז מען זאל זיצן און לערנען, וואלט מען זיך נישט געקענט האלטן, האט דער אייבערשטער אריינגעגעבן א רוח פון תורה. און די וואס זיצן און לערנען, די זענען די וואס קענען האלטן ערליכע יודישע שטובער, אז מען זאל נישט פארפלייצט ווערן מיטן דור המבול.

**מען** לערנט, און מען האלט שוין ב"ה ביי מערערע מסכות וואס מען האט אדורכגעלערנט. די וואס נעמען בחינות, איז אשריהם ואשרי חלקם. עס איז דא אסאך, וואס פון די ישיבה קטנה אן האבן זיי שוין נישט גענומען קיין בחינה. עס איז שוין אדורכגעגאנגען אסאך יארן, צוואנציג און פינף און צוואנציג יאר, וואס מען האט נישט גענומען קיין בחינות, און אויף דער עלטער האבן זיי אנגעהויבן צו נעמען בחינות. מען לערנט, און מען פארהערט זיך. עס האט זיך קיינער נישט פארגעשטעלט מיט צען יאר צוריק, אז אזא זאך וועט אמאל פאסירן. און אז מען נעמט א בחינה, ליגט מען אינעם לערנען, מען לערנט נישט כמצוות אנשים מלומדה, אפגעלערנט דעם שיעור און מען פארגעסט עס. נאר מען חזר'ט עס איבער, און מען טראכט דערפון שטענדיג, ער דארף דאך סוף חודש קענען די פאר בלאט וואס מען האט געלערנט.

**טעמו** וראו כי טוב ה', עס איז נישט אזוי שווער, מען דארף עס נאר פרובירן, סוכה איז א גרינגע מסכתא, א גרויס חלק האבן שוין געלערנט די מסכתא אלץ קינד און אלץ בחור, **עס איז זייער גרינג צו לערנען די מסכתא, און עס איז גרינג צו נעמען די בחינות דערויף. מען גיט נישט קיין שווערע בחינות, אלע בחינות זענען אזוי אויסגעשטעלט, אז א בעל הבית זאל עס קענען אדורכגיין. פרובירטס אויס, הייבטס אן, מען מוז נישט נעמען יעדע בחינה, הייבטס אן צו נעמען, מען וועט זעהן אז עס איז נישט אזוי שווער, מען וועט אנהייבן צו שפירן א טעם אין וואס מען לערנט.**

**מען** וועט דאך זאגן, אז מען דארף דאך פרנסה. עס שטייט אין **רמב"ן** (ו-יט) אז על פי דרך הטבע האט די תיבה נישט געקענט אריינגעמען אזויפיל מענטשן, אזויפיל בעלי חיים, און עסן פאר זיי, פאר א גאנץ יאר, עס איז נאר געווען בדרך נס, א מיעוט וואס איז מחזיק את המרובה. ווי אזוי האט מען זוכה געווען עס זאל זיין א מיעוט המחזיק את המרובה, ווייל למד נח תורה. די עצם תורה איז א מיעוט המחזיק את המרובה, פינף חמשים וואס איז מחזיק את המרובה. און אז מען זיצט און מען לערנט תורה, האט מען די ברכה פון א מיעוט המחזיק את המרובה. מען דארף טאקע טון אין פרנסה, אבער עס שטייט אין די גמרא (ברכות לב:), אז עס איז דא אן

ענין מתוך שחסידים היו איז מלאכתן מתברכות, עס קען אמאל זיין אז עס קומט אריין א ברכה. **עס זענען דא מענטשן וואס דארפן זיך אסאך פלאגן אויף א זאך, וואכן און חדשים וכדומה, און אמאל אין איין מינוט ווערט עס מסודר. יעדער איינער ווייסט ביי זיך וויפיל השגחה פרטית איז אסאך מאל דא, וואס מען האט הצלחה אין די געשעפטן. מען זיצט און מען לערנט תורה, איז דא די ברכה פון מיעוט המחזיק את המרובה, אפילו מען טוט נישט קיין סאך פאר פרנסה, קומט אריין די ברכה דערין.**

**איך** וויל נאכאמאל באדאנקען סיי פאר די מגידי שיעור וואס לערנען פאר די מסכת, און די אלע וואס טוען דערין, רבי יהושע (שטערן הי"ו) וואס פירט די חבורה פון '**ובהם נהגה**' אין אלע מקומות, און אזוי אויך די אלע וואס נעמען א חלק דערין, זאלן וויסן זייער געוואלדיגן חשיבות וואס זיי טוען אין הרבצת התורה, אין זכות פון תורה באצאלט דער אייבערשטער.

**דער** באשעפער זאל געבן, מען זאל קענען מסיים זיין אי"ה די מסכתא מתוך שמחה וטוב לבב, דער באשעפער זאל צושיקן די ברכה און די פרנסה פאר יודישע קינדער, אלע זאלן געהאלפן ווערן מיט וואס זיי דארפן צו האבן, מיט פרנסה בהרחבה, און מגדל זיין די קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צוגיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.